Charter Revision Commission

# מעלדונג וועגן אַ זיצונג:
# עפֿנטלעכע עצות זיצונגען אין פֿעברואַר

**צײַטן און פּלעצער:**

**דינסטיק, 11טן פֿעברואַר 2025, 5 נאָכמיטאָג ביז 8 אין אָוונט**
הויפּטקוואַרטיר פֿון דער פֿײַערלעשער אָפּטיילונג פֿון ניו יאָרק,
9 Metrotech (אײַנטריט דורך דעם הויף פֿון Flatbush Avenue)
(Brooklyn, NY 11201)

**מאָנטיק, 24טן פֿעברואַר 2025, 5 נאכמיטאג ביז 8 אין אוונט**
אָפּטיילונג פֿאַר אויספּלאַנעווען און אויפֿבוי פֿון דער שטאָט ניו יאָרק ( NYC Department of Design (and Construction
פֿיל-צוועקן זאַל, ערשטער שטאָק (1st Floor Multipurpose Room)
30-30 Thomson Avenue (אײַנטריט דורך 30 th Place)
(Queens, NY 11101)

**ווירטועל פּלאַץ** זעען זי פֿאַרבינדונג צו דער זום זיצונג אויף www.nyc.gov/charter

**מעלדונג וועגן אַן עפֿנטלעכער עצות זיצונג**

די קאָמיסיע פֿאַר רעוויזיע פֿון טשאַרטער פֿון דער שטאָט ניו יאָרק ("CRC") וועט דורכפֿירן עפֿנטלעכע עצות זיצונגען אין אַלע פֿינף באָראָס כדי צו דיסקוטירן פֿאָרגעשלאָגענע ענדערונגען פֿון טשאַרטער פֿון דער שטאָט ניו יאָרק. דער CRC איז באַמעכטיקט צו באַטראַכטן רעוויזיעס פֿון טשאַרטער כדי זיי פֿאָרצושטעלן פֿאַר די ווײַלערס אין די אַלגעמיינע וואַלן דעם 4טן נאָוועמבער 2025, אָדער אויף אַן אַנדערער באַשטימטער וואַלן דאַטע לויט געזעץ.

**<u>וועגן וואָס איז די עפֿנטלעכע עצות זיצונג?</u>**

דער טשאַרטער איז די סטרוקטור פֿון דער שטאָט רעגירונג און שטעלט אויס די עיקרדיקע מאַכטן פֿון די אויסגעקליבענע פֿונקציאָנערן און שטאָט אַמטן. נאָך אַ רעוויזיע פֿון דעם גאַנצן טשאַרטער מעג דער CRC רעקאָמענדירן ענדערונגען וועמענס ציל איז העלפֿן דער שטאָט רעגירונג אַרבעטן מער עפֿעקטיוו און בעסער באַדינען אַלע ניו יאָרקער.

קהל איז אײַנגעלאַדן צו הערן פֿון מומחים, עדות געבן וועגן יעדער עניין וואָס איז וויכטיק פֿאַר דער שטאָט רעגירונג און פֿאָרשלאָגן ענדערונגען אין טשאַרטער. כדי מער צו וויסן וועגן דער קאָמיסיע פאַר דער רעוויזיע פֿון דעם טשאַרטער פֿון דער שטאָט ניו יאָרק, באַזוכט אונדזער וועב אָרט: www.nyc.gov/charter.

**<u>ווער מעג געבן עצות?</u>**

**די דאָזיקע זיצונגען זײַנען אָפֿן פֿאַר קהל, וועלכער וועט האָבן די געלעגנהייט עדות צו געבן פֿאַר די מיטגלידער פֿון CRC.** יעדער איינער פֿון קהל מעג עדות געבן וועגן זײַנע אידעעס ווי אַזוי פֿאַרבעסערן

דעם שטאָט טשאַרטער במשך ביז דרײַ (3) מינוטן. דער CRC וועט אויסהערן עדות פֿון וועמען עס קומט פערזענלעך צו דער זיצונג און פֿון וועמען עס בײַזײַט דורך זום. דער CRC וועט אויסהערן עדות פֿון וועמען עס קומט פערזענלעך איידער מען וועט אויסהערן וועמען עס וועט בײַזײַן דורך זום. אַ גרופּע, אָרגאַניזאַציע אָדער אינסטיטוציע וואָס וויל עדות געבן וועט אויסקלײַבן אַן איינציקן באַשטימטן רעפּרעזענטאַנט. עס מעגן עדות געבן ניו יאָרקער פֿון יעדן איינעם פֿון די פֿינף באָראָס. דער CRC וועט פּרווון באַפֿרידן יעדן איינעם וואָס פֿאַרשרײַבט זיך צו רעדן בײַ דער זיצונג, אָבער אויב די צײַט דערלויבט ניט אויסצוהערן אַלע עדות, באַמוטיקט מען אַז קהל זאָל עדות געבן בײַ אַנדערע געלעגנהײַטן, אײַנשליסלעך ווײַטערדיקע עפֿנטלעכע זיצונגען פֿון CRC אָדער צושטעלנדיק שריפֿטלעכע עדות צו .CharterTestimony@citycharter.nyc.gov

**<u>ווי אַזוי זאָל איך צושטעלן שריפֿטלעכע עדות?</u>**

קהל מעג צושטעלן שריפֿטלעכע עדות צו CharterTestimony@citycharter.nyc.gov אַנשטאָט אָדער אַ חוץ פערזענלעך עדות געבן אויף אַן אויסהער.

**<u>ווען און ווו זײַנען די אויסהערן?</u>**

די אויסהערן זײַנען אָפֿן פֿאַר קהל, און מען קען בײַזײַן אַלע זיצונגען ווירטועל דורך דער זום פֿאַרבינדונג אויף www.nyc.gov/charter, אויף די פֿאָלגנדע דאַטעס, שעהן און פּלעצער:

**דינסטיק, 11טן פֿעברואַר 2025, 5 נאָכמיטאָג ביז 8 אין אָוונט**
הויפּטקוואַרטיר פֿון דער פֿײַערלעשער אָפּטיילונג פֿון ניו יאָרק
Flatbush Avenue) איינטריט דורך דעם הויף פֿון) 9 Metrotech
(Brooklyn, NY 11201)

**מאָנטיק, 24טן פֿעברואַר 2025, 5 נאָכמיטאָג ביז 8 אין אָוונט**
אָפּטיילונג פֿאַר אויספּלאַנעווען און אויפֿבוי פֿון דער שטאָט ניו יאָרק ( NYC Department of Design and
(Construction
פֿיל-צוועק זאַל, ערשטער שטאָק (1st Floor Multipurpose Room)
30th Place איינטריט דורך) Thomson Avenue 30-30
(Queens, NY 11101)

קהל מעג גלײַכצײַטיק אָנטיילנעמען אין דער זיצונג דורך דער זום פֿאַרבינדונג אויף www.nyc.gov/charter .

**<u>און אויב איך דאַרף הילף כדי צו באַאָבאַכטן די זיצונג אָדער געבן אויף איר עדות?</u>**

מען וועט צושטעלן פֿאַרטײַטשונג אויף אַמעריקאַנער שטים-לשון און שפּאַניש סײַ דורך אינטערנעט ווי אויפֿן אָרט. מיר בעטן אײַך צו פֿאַרלאַנגען איבערזעצונג און/אָדער אַנדערע צוטריטונג בקשות מינימום 48 שעה איידער עס הויבט זיך אָן די זיצונג אויף וועלכער איר ווילט זײַן. שיקט אַ בליץ-בריוו אויף CharterInfo@citycharter.nyc.gov אָדער רופֿט אָן 212-788-0014 און לאָזט אַ גערעדנטן אָנזאָג. מען וועט באַפֿרידיקן אַלע פֿאַרלאַנגען אויף וויפֿל עס איז מעגליך.